# גאָוואַלדיגע רעיונות

פרשת ויקרא תשפ"ג, עלון מס' 477

צו קויפן איינער פון דער מחבר'ס ספרים, און באשטעלן אז עס זאל אנקומען ביי דיין טיר, ביטע שיק אן אימייל צו:
**yalt3285@gmail.com**
אדער קענט איר קוקן ביי:
**https://amzn.to/3eyh5xP**
(וואו איר קענט אויך זעהן די באריכטן)












**מיר פאַרשפרייטן הערליכע דברי תורה איבער דעם גלאָב**
קאַנאַדע • טשילע • טשיינאַ • טשעכיי • ענגלאַנד • פֿראַנקרייך • דייַטשלאַנד • גיבראַלטאַר • האָלאַנד • • בראַזיל • אַרגענטינע • עסטרייך • אויסטראַליע • בעלגיע
אונגארן • אינדיאַ • ארץ ישראל • איטאַליע • מעקסיקאַ • פּאַנאַמאַ • פּוילן • רוסלאַנד • דרום אפריקע • שווייץ • אוקריינאַ • פאראייניגטע אַראַבער עמיראַטעס •
ארצות הברית • ווענעזועלאַ

צו פאַרבינדן די טויזנטער לייענער און באַקומען די גליונות בחינם, אָדער צו שיקן הערות אָדער תשובות, ביטע פאַרבינדט
אייך מיט הרב יהושע אַלט YALT3285@GMAIL.COM
דער גליון ווערט געליינט אין זעקס קאָנטינענטן און אין איבער פערציג לענדער ארום דער וועלט.
לעילוי נשמת הרב שלום דובער בן הרב יצחק ז"ל והרב צבי בן הרב שמואל זאנוויל ז"ל
This newsletter can also be viewed at https://bit.ly/3z9qF5E.
דעם נוזלעטער קען מען אויך זען אויף אידיש ביי https://bit.ly/38RvdTI
Pour voir ou télécharger la version Française: https://parshasheets.com/?s=Fascinating+Insights.
אפשר לקרוא  את עלון זה בעברית באתרט: הורדות-עלונים/רעיונות-מדהימים-הורדות-עלונים https://www.dirshu.co.il/category/.
***דער מחבר ערלויבט און שטיצט סיי ווער עס וויל פאַרשפּרייטן דעם גליון צו דעם ציבור.***

## אויסנאַם אידן

אָט זענען עטליכע וואונדערבארע דערציילונגען פון חסד און מיטלייד באוויזן דורך אידישע קינדער. ר' יחיאל מעכל טשיל פון מאנסי, וועלכער איז געווען א כתה יא' מגיד שיעור אין ר' שמשון רפאל הירש ישיבה, איז געווען איינער פון די שליחים געשיקט דורך די וועד להצלת נדחי ישראל צו רוסלאנד ווען די קאמוניסטן האבן געוועלטיגט. אין מאסקווא האט ער זיך געטראפן מיט א תלמיד וואס האט געהייסן משה, און ער האט פארברעגט מיט אים פיל צייט.  ער האט אים אויסגעלערענט וועגן די יסודות פון אידישקייט.  ווען ער האט זיך געזעגענט פון משה, האט רב טשיל אים געזאגט אז אויב ער טרעפט זיך אמאל אין אמעריקא זאל ער זיך פארבינדן מיט אים. א האלבע יאר נאכדעם האט ער באקומען א טעלעפאן קאל, משה האט אים דערציילט אז ער האט באקומען אן ארויסגאגנג וויזע און ער איז א אויסטויש-סטודענט ביי קארנעל יוניווערסעטי אין איטקה, נו יורק.  משה האט דערציילט אז די בארדער פאליציי אין רוסלאנד האבן צוגענומען זיין תפילין, און יעצט ווייסט ער נישט ווי אזוי צו באקומען כשר'ע עסן אין איטקה. ר' טשיל האט זיך פארבינדן מיט זיין חבר ר' צבי גוטמאן, און צוזאמען האבן זיי געקויפט פאר משה א נייע פאר תפילין, א סידור פארטייטשט אויף רוסיש און אנדערע ספרים, ווי אויך גענוג כשר'ע עסן פאר א גאנצע חודש.  אזוי האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויף א נסיעה פון פיר שעה קיין איטקה. די קומענדיגע צופרי האט רב טשיל מסביר געווען פאר זיין שיעור פארוואס ער איז א ביסל מיד, מיט די האפענונג אז זיינע תלמידים וועלן זיך אפלערנען ווי ווייט מען דארף גיין צו העלפן א צווייטער איד. א יאָר שפעטער, ירמי שטראוס, וועלכער האט געלערנט אין רב טשיל'ס שיעור די פאריגע יאר, איז אריינגעלאפן איין זונטאג צופרי און מיט עקסטאז און דערציילט די פאלגענדע:  ער מיט זיין טאטע האבן באמערקט אן אומבאקאנטע בחור אין זייער שוהל אין ענגלווד, נו דזערזי.  זי האבן אים אייגעלאדענט צו זייער הויז פאר א שבת סעודה. דער בחור איז געווען א בעל תשובה.  ווען מען האט אים געפרעגט וואס האט אים מעורר געווען צו ווערן א בעל תשובה, האט ער אזוי געענטפערט: צום שלוס פון די פרילינג זמן אין יוניווערסעטי איז אנגעקומען א נייע רוסישע סטודענט.  מען האט אים געשטעלט אין מיין צימער.  פאר צוויי טעג איז ער ארומגעגאנגען פארלוירן, און קיינער האט אים נישט אנגעקוקט.  פלוצלינג זענען אנגעקומען צוויי רבנים מיט עסן און ביכער, און ער איז געווארן אויפגעלעבט.  א גאנצע נאכט האב איך געטראכט אז אין מיין לעבן האב איך נישט צוגעזעהן אזא געטריישאפט צו א צווייטער.  איך מוז אויסגעפינען וועגן דער גלויבונג וואס לייגט אזא דגש אויף אהבת ישראל.  דאס האט מיך צוגעברענגט צו ווערן אן ערליכע איד.

איינער האט פראבירט צו שטופן הרב דוד סאָלובייציק אנצונעמען אַ תלמיד אין זיין ישיבה. רב דוד האט געזאגט אז ער קען לערנען אין בית מדרש, אבער מען קען אים נישט אנעמען אין ישיבה. דער מענטש האט אויסגערופן: "אויב ער קען לערנען אין בית המדרש,

פארוואס קען ער נישט אנגענומען ווערן אין ישיבה?" רב דוד האט מסביר געווען, "איך ווין און בעט (א וואכעדיגע שמונה עשרה האט אים גענומען צווישן דריי-פערטל שעה און א שעה) אויף די הצלחה פון יעדער בחור אין ישיבה. איך קען יעצט נישט אנעמען אפילו איין מער בחור, איך בין נישט מסוגל צוצולייגן צו מיינע תפילות."



הרב אילן האלבערשטאט, דער רב פון מחזיקי הדס אין לונדון, האט געפירט א כולל בוקר וואס האט זיך אנגעפאנגען בשעה 6:00. עס האט זיך געמאכט אז זיין ווייב האט געווארט און האט געדארפט ליגן אין בעט. דער רב האט געדארפט זיין אינדערהיים צו העלפן די קינדער אינדערפרי. ווי אַ רעזולטאַט, האט דער רב אנגעפאנגען איבערגעבן זיין שיעור ביי זיך אין שטוב. נאָך עטליכע טעג, א שכנה, הענא ראזענבערג, האט געכאפט וואס גייט פאר. זי האָט זיך אונטערגענומען צו קומען יעדן טאג זעקס א'זייגער פארטאגס אז דער ראש כולל זאל קענען גיין צו שוהל און פירן זיין כולל בוקר געהעריג. יעדן טאג פלעגט זי אנטוהן און פיטערן די קליינע קינדער מיט געטריישאפט. ווען דער ראש כולל איז אהיימגעקומען זענען די קינדער געווען גרייט צו גיין אין חדר און סקול. טאקע אזוי איז געווען – פאר דריי חדשים אין א ציה! ס'ענדיגט נישט מיט דעם. ביי איר שבעה, נאך זי איז נפטר געווארן, האט דער ראש כולל דאס איבערגעזאגט פאר הענא'ס מאן. ער איז נתפעל געווארן! ער האט געמיינט אז זיין ווייב פלעגט דעמאלץ סתם גיין שפאצירן. זי האט קיינמאל זיך בארימט מיט די גרויסע חסד וואס זי האט געטוהן!

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע פלעגט דערציילן די וויטַערדיגע געשיכטע. הרב יעקב קרנץ, וועלכער מיר רופן דער דובנער מגיד, זי"ע האט געטראפן א בלינדע אלמן שפאצירן מיט זיין זוהן אין די גאסן פון ווילנא. טראצדעם אז קיינער האט נישט צוגעלייגט קאפ, האט דער דובנער מגיד זיי ווארעם באגריסט. זיי האבן אים דערציילט וועגן זייערע שוועריקייטן און אז עס פעהלט זיי הייצונג און עסן. דער דובנער מגיד האט זיי אייגעלאדענט צו אים אין שטוב אז זיי זאלן זיך קענען אנווארעמען און עסן עפעס נאהראפטיג. ער האט אויך באשטעלט א יונגערמאן זאל אויסלערנען תורה פאר די קינד, בשעת ער האט מיט אים געלערנט אגדתא. ווען דער קינד'ס טאטע, הרב יהודא אהרן איז נפטר געווארן פאר די פערציג יאר, פון דעמאלץ אן איז דער בחור געווארן א חלק פון דער דובנער מגיד'ס משפחה. דער קינד איז געווארן דער גרויסער גדול בישראל, הרב שלמה קלוגער זי"ע. דער חפץ חיים פלעגט זאגן אז פיל מענטשן האבן צוגעזעהן דער סצענע און געפילט שלעכט, און אזוי האט עס זיך געענדיגט. ביי דער דובנער מגיד, אזוי האט עס זיך אנגעפאנגען. ער האט געוויזן מיטלייד, ער האט זיי איינגעלאדענט צו אים אין שטוב, געשפייזט, און געדינגען א מלמד. אויב דער דובנער מגיד וואלט נישט צוגעוויזן מיטלייד, וואלט פאר די אידישע פאלק געפעהלט א מנהיג בישראל. ענדיגט צו דער חפץ חיים, "וויפל שלמה קוגערס זענען דא וואס מיר גייען אריבער?"




## פסח וואונטשן

פאר פורים וואונטשן מיר "א פריילעכן פורים!" און פאר פסח זאגן מיר "א כשר'ן פסח!". הרב דוד כהן (געבוירן 1932) זאגט אז אין אוקראינה, פון וואו זיינע עלטערן שטאמען, האט מען געוואונטשן פאר פורים "א כשר'ן פורים!" ווייל פילע זענען געווארן שיכור. מען האט נישט געדארפט ווינטשן אז עס זאל זיין פריילעך, ווייל דאס וועט זיכער זיין.




פון צווייטן זייט, ווען עס קומט צו פסח, די וועג ווי מען גרייט זיך צום יום טוב, וועט עס אודאי זיין כשר. אָבער, מען דארף מאכן זיכער אז עס זאל אויך זיין פריילעך. דערפאר האבן זיי געוואונטשן "א כשר'ן פורים!" און "א פריילעכן פסח!". אין די ברכה "חג כשר ושמח," מען דארף מדגיש זיין "ושמח" – אז עס זאל אויך זיין פריילעך, ווייל ווען מען רייניגט פאר פסח קען זיין פיל שטרעס .

ר' אלט זכה ללמוד תחת הרה"ג מרדכי פרידלענדער זצ"ל והוסמך לרבנות על ידי הרה"ג זלמן נחמיה גולדברג זצ"ל. ר' אלט הוציא ארבעה ספרים במגוון נושאים בעניני יהדות ומחשבת ישראל. כתביו מופיעים באנגלית, אידיש, עברית, גרמנית וצרפתית.